# <u>פרשת מטות - מסעי כ׳ – כ״ו תמוז תש״פ לפ״ק</u>

***<u>יום שלישי פרשת מטות - מסעי</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו הגדול. אחר התפלה השתתף **רבינו שליט״א** אצל הברית של בניו התאומים של הר״ר **מרדכי שלמה פריינד** הי״ו (בן הר״ר אברהם יעקב פריינד ע״ה), שהתקיים בבית המדרש באיאן. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן, איש כי ידר נדר לה׳, או השבע שבועה וגו׳, לא יחל דברו, ככל היוצא מפיו יעשה (ל-ג). א מענטש וואס האט געמאכט א נדר, זאל ער נישט פארשוועכן זיינע ווערטער. וואס ער האט ארויסגעזאגט מיטן מויל, דארף ער טון. עס קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז. ביי א ברית מאכט מען צוויי ברכות, דער מוהל מאכט די ברכה על המילה, און דער טאטע מאכט די ברכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. בדרך כלל זאגט מען די ברכה להכניסו נאכדעם וואס דער מוהל האט שוין געענדיגט צו מל׳ן. אין די פוסקים שטייט, אז אזוי ווי עס איז נאך פאר די פריעה, און מל ולא פרע כאילו לא מל (שבת קלז:), איז עס נאך ׳להכניסו׳ בבריתו של אברהם אבינו.

**אבער** דער ענין דערפון איז, עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז מצות מילה איז נישט נאר א מצוה וואס מען איז מקיים איינמאל, בשעת מען מל׳ט דאס קינד. נאר מצות מילה איז א מצוה נמשכת, א יוד דארף ממשיך זיין די קדושת המילה אויף זיין גאנץ לעבן, זיך צו פירן ערליך, זיך פירן בקדושה, דאס איז די חשיבות פון ברית מילה. ווען דער מוהל האט גע׳מל׳ט דאס קינד, האט ער אוועקגענומען די ערלה פונעם קינד, ער האט מקיים געווען די מצוה פון המול ימול, אבער דער טאטע מאכט די ברכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, איך זאל אים קענען פון יעצט אן מכניס זיין אין דעם ברית פון אברהם אבינו. איך זאל קענען מגדל זיין מיין קינד, ער זאל זיך פירן מיט אזא קדושה, אזוי ווי עס איז געווען בריתו של אברהם אבינו.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז כדאי א יוד זאל קענען זיין אפגעהיטן ווי עס דארף צו זיין, ווענדט זיך עס אינעם דיבור פונעם מענטש. אז א יוד היט זיך דעם דיבור, ער רעדט נישט וואס מען דארף נישט, ער היט דעם דיבור אז עס זאל נישט עובר זיין אויף א זאך וואס ער האט געזאגט. דער ברית הלשון איז מכוון אקעגן דעם ברית המעור, די צוויי בריתים זענען פארבינדען איינס מיטן אנדערן. און ווען מען מל׳ט א קינד, און מען ברענגט אים אריין בבריתו של אברהם אבינו, וואס דער טאטע דארף מכניס זיין דאס קינד, אים צו האלטן ווייטער אין די קדושה, דאס ווענדט זיך אויך אינעם שמירת הדיבור, ווי אזוי מען היט דאס רעדן.

**עס** איז דא א ווארט אין **ישמח משה** (פ׳ מקץ), אויפן פסוק (בראשית מג-כ) ירד ירדנו בתחלה לשבור אוכל. זאגט ער, אז עס שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב עו.), אז ווען מען מל׳ט א קינד, קומט ארויף אויף אים דער שם שד״י, דער שם איז חל ווען מען פירט זיך ערליך. אז מען פירט זיך נישט ערליך, ווערט אויפגעטוישט דער שם שד״י, און עס איז שורה דער שם ס״מ. זאגט דער ישמח משה, שד״י איז דריי הונדערט און פערצן, ס״מ איז הונדערט. די דיפערענץ פון די צוויי שמות, איז א ירידה פונעם שם שד״י צום שם ס״מ, דער מספר פון צוויי הונדערט און פערצן. זאגט ער, ׳ירד ירדנו׳, עס איז דא אמאל א ירידה אין יר״ד. און דאס איז ׳בתחלה לשבור אוכל׳, דאס שאדט פאר די פרנסה, און ער גייט אריין דארט אין א שמועס אויפן המשך פונעם פסוק.

**זאגט** די תורה הק׳ בדרך רמז, איש די ידר נדר לה׳, ווען א מענטש וויל זיך מנדר זיין פארן אייבערשטען, אינעם יד״ר, וואס דאס איז בגימטריא רי״ד, אז ער זאל זיך קענען פירן בקדושה, און עס זאל נישט צוקומען צו דעם אז עס זאל זיין א ירידה פון די רי״ד, אז ער זאל פארלירן דעם שם שד״י, און עס זאל שורה זיין דער ס״מ. איז די עצה דערויף, לא יחל דברו, ככל היוצא מפיו יעשה, אז מען וועט זיך היטן דעם דיבור, וואס די צוויי ברית׳ן זענען מכוון איינס אקעגן דעם צווייטען, וועט מען זיך קענען פירן בקדושה.

**די** וועלט זאגט, ׳כשם׳ שנכנס לברית, מיטן נאמען וואס מען איז אריינגעגאנגען לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. אלע האבן דאך געקענט

רבי אברהם יעקב ע"ה, עס איז נישט אויסגעקומען אפילו מען זאל אים קענען געהעריג מספיד זיין, קענען געהעריג ארויסברענגען וואס פאר א חשובער יונגערמאן ער איז געווען, וואס ער האט זיך אוועקגעגעבן פאר תורה און עבודת ה' שטענדיג. זיין ווארט איז געווען א ווארט. וואס ער האט געטון, איז געווען מיט א ערליכקייט און א ערנסטקייט. און ער האט אויפגעשטעלט ב"ה שיינע שטובער פון תורה און עבודת ה'. וואונטשט מען אן, 'כשם' שנכנס לברית, מיט דעם נאמען וואס ער איז אריינגעגאנגען לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל דאס קינד ווייטער ממשיך זיין דעם וועג פון דעם נאמען וואס מען הייסט, ממשיך זיין די מצות און מעשים טובים וואס די עלטערן האבן געטון. די גמרא (ירושלמי מועד קטן ג-ז) זאגט, נולד בן זכר במשפחה נתרפא כל המשפחה, און אז עס ווערן געבוירן צוויי זכרים, איז אוודאי אז עס ברענגט א געוואלדיגע רפואה פאר די גאנצע משפחה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען הערן בשורות טובות מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר סעודת הברית עלה **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.**

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מאלכסנדר ע"ה.

***<u>מתוך השיחה:</u>***

**אבד"ק אלכסנדר:** איך האב אמאל געהערט פונעם רב ביי א ניחום אבלים, אז דער רב האט געהערט פון א אלטן אלכסנדר חסיד, פארוואס דארף זיין א מצוה פון אבילות, עס איז דאך א מציאות אז א מענטש איז מתאבל. ווייל אויב עס וואלט נישט געווען א מצוה פון אבילות, וואלט א מענטש נישט געקענט אויסהאלטן די צער ווען מען פארלירט די עלטערן. אבער אזוי ווי עס איז א מצוה, איז דא דער ענין פון וחי בהם (ויקרא יח-ה).

**רבינו:** איך מיין אז דאס ווארט איז שון געדרוקט אין **ישמח ישראל** אין די ליקוטים. פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), די מצוה וואס ליגט אינעם אבילות, דאס גיט צו א חלק פון שמחה. - די טעג זענען דאך גאנץ כלל ישראל אבלים. עס קען זיין אז די אבלות פון די טעג איז אויך א מצוה, אז מען דארף מתאבל זיין. איז עס אויך דער זעלבער ענין, אז אזוי ווי עס ווערט א מצוה, ליגט דערין א נקודה פון שמחה אויך. מען זאגט נאך פונעם **רבי'ן פון לובלין,** אז ער האט געזאגט, מען איז טאקע מתאבל, אבער עס דארף זיין מיט שמחה.

**א' האבלים:** 'אבל' איז די ראשי תיבות א'יך ב'ין ל'וסטיג. באמת רש"י (סוכה כה. ד"ה טירדא דרשות) זאגט שוין אזוי אויף א אבל, אז נאר בחוץ דארף ער זיין באבלות, און נישט בפנים.

אין סטאלין האלט מען נישט היינט קיין אבילות (של בין המצרים), ווייל עס איז **רבי שלמה קארלינער'ס** יארצייט. פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב איז דא צוויי און צוואנציג טעג, און אזוי איז נאר כ"א יום (כנגד כ"א ימי מועדים), דאס איז מרמז אויף דעם טאג.

**רבינו:** אויף **רבי שלמה קארלינער** האט מען געזאגט אז ער האט געהאט די נשמה פון משיח בן יוסף.

*

***<u>יום חמישי פרשת מטות - מסעי</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוסף הערמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***<u>שבת קודש פרשת מטות - מסעי</u>***

בעת עריכת הבאטש חילק **רבינו שליט"א** פירות לתלמידי הישיבה קטנה שנבחנו על מסכת תענית במסגרת חבורת 'ובהם נהגה'. בברכת המזון נתכבד הרב **יוסף יהושע פליישמאן** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק').

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים **מהרה"ק בעל ישמח משה זי"ע,** ומחתנו **הרה"ק בעל אריה דבי עילאי זי"ע** (מתוך הספר גנזי המלך). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א.**

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

**האריה דבי עילאי** היה מתפלל עם מנין של בעלי עליה חסידי **הרבי מלובלין** שהתפללו מאוחר, **והישמח משה**

הוכיחו על זה. והוא ענה לו, שהוא מתפלל עם יהודים בעלי השגה, ואילו אלו שמתפללין בהשכמה מצטרפים להסנדלרים והחייטים שמתפללין אז. השיבו הישמח משה, נמצא אתה תהיה בגיהנם עם החסידים החשובים. ענה לו האריה דבי עילאי, אני מעדיף להיות בגיהנם עם בעלי השגה האלו, מלהיות בגן עדן עם החייטים והסנדלרים.

**והוסיף רבינו:** די וועלט זאגט ענליך אויפן **ראפשיצער רב**, וואס ער האט געהייסען א חכם מחוכם, און ער האט נישט ליב געהאט קיין נארנים. האט ער געזאגט, אז מיט א נאר וואלט ער נישט געוואלט זיצען אפילו אין גן עדן.

**וביאר רבינו:** ווי אזוי קען זיין א נאר אין גן עדן? ווייל די גמרא (נדה טז:) זאגט, אז ווען מען קומט אראפ אויף די וועלט, רופט מען אויס אויף יעדן מענטש וואס ער וועט זיין. צו ער וועט זיין א חכם, צו ער וועט זיין א טפש, א עני אדער א עשיר, ואילו צדיק ורשע לא קאמר. קומט אויס, אז מען קען אמאל אויסרופן אויף א מענטש אז ער זאל זיין א טפש, און ער קען זיך נישט העלפן דערויף. אבער ער קען שפעטער אויסוואקסען א צדיק, ווייל צדיק ורשע לא קאמר. קען דאך אמאל זיין א צדיק וואס איז א טפש. האט ער געזאגט, אז צו זיצען צוזאמען מיט א נאר וואלט ער נישט געוואלט אפילו אין גן עדן.

*

ידוע העובדא דבעת שנסע **הישמח משה** ללובלין, חשב בדעתו, הרי יש לי כמה קושיות על דרך החסידות, והשי"ת יעזור לי, שהצדיק הזה יאיר את עיני ויתרץ לי כל הקושיות שיש לי על דרך החסידות. וחשב בדעתו לפרש מה שאמרו חז"ל (שבת קד.) הבא ליטהר מסייעין אותו, שלא נאמר מסייע לשון יחיד, רק מסייעין לשון רבים. והיינו לפי שלא רק השי"ת מסייע, כי גם הצדיק מסייע ליטהר, כן חשב בדעתו. והקושיא שהיה לו הוא, שהרי איתא **בשלחן ערוך** (או"ח סימן ד) שראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג על חורבן בית המקדש, ואנו רואים שהחסידים נמצאים בשמחה תמיד.

וכשנכנס **להרה"ק מלובלין** אמר לו 'ברוך הבא, מדוע פניכם רעים ועצבים כל כך אב"ד שינאווא, הא איתא מאמר החכם (הובא **בחובות הלבבות** (שער ט פרק ד), **ובאור החיים הק'** (ריש פ' דברים)), הפרוש, צהלתו בפניו ואבלו בלבו. כלפי חוץ צריכים להיות שמח ועליז, אבל הכאב והאבל צריכים לשאת בתוך הלב פנימה. הרי גם אנחנו עורכים חצות, ומקוננים על חורבן יהודה וירושלים, והדרך הזה קיבלנו מאת רבינו **מרן רבי שמעלקא זי"ע אב"ד ניקלשבורג**, שביאר דבר זה עם משל למלך שהיה בשביה והיה נדח לארץ רחוקה, ושם בארץ ההיא בא לבית איש אחד, שהכיר בו שהוא אוהבו מאז ומקדם. ומצד אחד היה אותו האוהב שרוי בצער גדול על מצבו של המלך שהוא נמצא בשביה, אבל מאידך היה שש ושמח שיש לו הזכיה הגדולה לאכסן את המלך בכבודו ובעצמו בביתו.

והנמשל הוא מובן, שכאן בגלות הרי השי"ת הוא יחד עמנו, וכמאמר הכתוב (תהלים צא-טו) עמו אנכי בצרה. והחוזה מלובלין סיים את דבריו, דאיתא הבא ליטהר מסייעין אותו, ולא נאמר מסייע לשון יחיד, לפי שהצדיק מסייע שלא יהיה להאדם קושיות על דרכיהם. (**הייטב לב** זי"ע מביא זה במאמריו לבין המצרים (ייטב פנים מאמר יפה עינים) ששמע כל השיחה הזאת מפי קדשו של **הישמח משה זי"ע**).

**וביאר רבינו:** ער האט אים פארענטפערט, אז מען איז יא מיצר ודואג, נאר אינדרויסן דארף מען זיין בשמחה, אזוי ווי ווען דער מלך שטייט איין ביי א מענטש אונטערוועגנס, איז מען פריילעך. פשוט פשט אין די ווערטער איז, אז ווילאנג דער בית המקדש איז געשטאנען, איז טאקע געווען א השראת השכינה, אבער די השראת השכינה איז געווען אין בית המקדש, אין קדשי קדשים. נאנט צו זיין צום מלך, און אריינצוגיין צום קעניג, האט מען נישט געקענט. וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקודש (ויקרא טז-יז), מען האט נישט געטארט אריינגיין אין קדשי קדשים. נאר דער כהן גדול האט זיך געטראפן מיטן אייבערשטען איינמאל א יאר. ווען דער מלך איז ביי זיך אין פאלאץ, קען נישט יעדער צוקומען צו אים, נאר די וואס דרייען זיך ארום דעם מלך. ווען דער מלך איז אבער אינדרויסן, אין גלות, ווייל דער בית המקדש איז חרוב געווארן, און יודען זענען געגאנגען אין גלות, און עמו אנכי בצרה, דער אייבערשטער געפונט זיך צוזאמען מיט אונז, איז דא א נאנטערער השראת השכינה ביי יודען מיטן אייבערשטען, ווי עס איז געווען בשעת עס איז געווען דער בית המקדש, ווייל אין בית המקדש איז געווען די השראת השכינה אין קדשי קדשים, ווי מען האט נישט געקענט צוקומען, און דא קען מען צוקומען.

**די** גמרא (מגילה כט.) זאגט, וואו געפונט זיך די שכינה אינעם גלות? אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות. ואהי להם למקדש מעט (יחזקאל יא-טז), עס איז דא א קליינע בית המקדש, דער באשעפער געפונט זיך אין בית המדרש, און מען זיצט מיטן אייבערשטען אליין. די גמרא זאגט, אז אין נהרדעא איז געווען א בית המדרש וואס האט געהייסען שף ויתיב, און אין דעם בית המדרש האט זיך געפונען די שכינה, די שכינה פלעגט דארט רוען. רש"י זאגט, אז עס האט געהייסען שף ויתיב, ווייל ווען יודען זענען געגאנגען אין גלות, פון גרויס חיבת ארץ ישראל האבן זיי מיטגעשלעפט שטיינער מיט זאמד פון ארץ ישראל, כדי צו בויען פון דעם א בית המדרש אין חוץ לארץ. כי רצו עבדיך את אבניה, ואת עפרה יחוננו (תהלים קב-טו), און פון די שטיינער, האבן זיי געמאכט א בית המדרש, און דארט פלעגט זיין די השראת השכינה. אין די גמרא איז משמע, אז די שכינה איז נישט געווען דארט שטענדיג, די שכינה פלעגט ארויסגיין פונעם בית המדרש. און ווען די שכינה איז אריינגעקומען האט מען געהערט א גערודער, און ווען מען האט געהערט א גערודער אין בית המדרש, פלעגט מען ארויסגיין פארן כבוד פון די שכינה וואס איז אריינגעקומען אין בית המדרש. על כל פנים, אין גלות דרייט זיך די שכינה צוזאמען מיט אונז. עס איז אזוי ווי דער מלך, וואס בשעת ער מוז איבערלאזען זיין מלכות, און ער שטייט איין ביי יענעם, איז דא א שמחה אויך. כלל ישראל האט א שמחה פון דעם וואס דער אייבערשטער געפונט זיך צוזאמען מיט אונז אין גלות, וואס די שמחה איז נישט דא נאר נאכן חורבן.

*

**נאך** א נקודה איז דא דערין, די גמרא (מכות כד:) פארציילט, אז רבי עקיבא איז אמאל אדורכגעגאנגען אויף דעם פלאץ וואו דער בית המקדש איז געווען, און אלע האבן אנגעהויבן צו וויינען, און רבי עקיבא מצחק, רבי עקיבא האט זיך געפרייט. האט מען אים געפרעגט, פארוואס פרייסטו זיך? אויף א פלאץ וואו די שכינה איז געווען, שועלים הלכו בו, פרייט מען זיך? האט ער געזאגט, אז איך פריי זיך ווייל איך זעה שוין די גאולה. אזוי ווי דער נביא וואס האט אונז געזאגט די בשורה פונעם חורבן, האט אונז געזאגט די בשורה פון די גאולה, עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים (זכריה ה-ד). רבי עקיבא וואס איז געווען דער גרויסער קאפ, האט תיכף געזעהן דעם עתיד. תיכף ווען ער האט געזעהן דעם חורבן, האט ער שוין געזעהן די גאולה דערין. יודען חסידים פרייען זיך, זיי גלייבען אין די גאולה אז דער אייבערשטער וועט אונז אויסלייזען, און ווי נאנטער מען ווערט צו די גאולה איז דא א געוויסע שמחה. עס איז ביידע צוזאמען. פון איין זייט איז מען דואג אויפן חורבן פונעם בית המקדש. אבער פון די אנדערע זייט, האט זיך רבי עקיבא געפרייט, עס האט געברענגט שמחה, אז מיר ווערן נאנטער צו די זמן פון די גאולה.

**דער ייטב לב** טייטשט דארט, קומו רוני בלילה (איכה ב-יט), רוני האט צוויי טייטשן. רוני איז טייטש קלאגען, און רוני איז טייטש רנה, שמחה. אפילו ווען מען איז מקונן אויפן חורבן בית המקדש, קומי רוני בלילה. פון איין זייט איז עס א אבילות, אבער צהלתו בפניו, פון דעם וואס די שכינה איז צוזאמען מיט אונז.

*

כתוב בספר **אלף כתב** (אות מב), ששמע מתלמיד מרן **החתם סופר זי"ע** שלמד אצלו עשר שנים, שהחתם סופר הקפיד מאד שלא יעמדו יחדיו בארון הספרים הספר **פני יהושע** עם ספרי **הרבי ר' יונתן**, כי דעת הפני יהושע היה נוטה לצידו של **היעב"ץ** במחלוקת הידועה. ופעם אחת ראה תלמיד אחד שהיה בן משק ביתו שהחתם סופר העמיד יחדיו הספרים הנ"ל, ושאל לרבו מה יום מיומיים. השיבו החתם סופר, גילו לי מן השמים שהגאונים כבר עשו שלום ביניהם.

**והעיר רבינו:** איך פארשטיי נישט פונקטליך ווי אזוי עס ארבעט. אויבן איז א עולם האמת, פארוואס האבן זיי נישט גראד שלום געמאכט. פארוואס האט געדארפט נעמען אזויפיל יארן אין הימל, ביז זיי האבן שלום געמאכט איינער מיטן צווייטען.

*

**הרה"ק בעל חקל יצחק זצ"ל** היה מרבה לעיין בספר הק' **ישמח משה**, כדי שיוכל ללמוד ממנה דרך איך לחדש ציצים ופרחים בתורה.

**והוסיף רבינו:** מען ברענגט צו פונעם **ברך משה**, אז דער **סאטמארער רב**, דער **דברי יואל**, האט אים געזאגט, אז אויב ער וויל זיך אויסלערנען צו זאגען

אגדה, זאל ער קוקען אין **חתם סופר**, וועט ער זיך אויסלערנען א וועג צו זאגען אגדה. און דער סאטמארער רב האט געזאגט אויף זיך, ווען איך וויל קוקען א גוטען דרוש, נעם איך א **ישמח משה**, און ווען איך וויל קוקען א חסידיש שטיקל, נעם איך א **חתם סופר**. דער ישמח משה איז געוועזן דער רבי, און דער חתם סופר איז געוועזן דער אשכנז, און דער סאטמארער רב האט געזאגט, אז א גוטן דרוש נעמט ער פונעם ישמח משה, און א חסידיש ווארט נעמט ער פונעם חתם סופר.